# תּורה נבֿיאים וכתובֿים
## תּרגום ייִדיש פֿון יהואש

# חַגַי

א 1 אין צווייטן יאָר פֿון מלך דָרְיָוֶש, אין זעקסטן חוֹדש, אין
ערשטן טאָג פֿון חוֹדש, איז געווען דאָס וואָרט פֿון גאָט דורך
חַגַי דעם נבֿיא צו זרובבֿל דעם זון פֿון שְאַלתִּיאֵלן, דעם פֿירשט פֿון
יהודה, און צו יהוֹשועַ דעם זון פֿון יהוֹצָדָקן, דעם כֹּהן-גָדול, אַזוי צו
זאָגן:

2 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָֿ־אוֹת, אַזוי צו זאָגן: דאָס דאָזיקע
פֿאָלק זאָגט: די צײַט איז נאָך ניט געקומען, די צײַט אַז דאָס הויז פֿון
גאָט זאָל געבויט ווערן – 3 איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען דורך חַגַי
דעם נבֿיא, אַזוי צו זאָגן: 4 איז דאָס אײַך אַ צײַט, איר זאָלט זיצן אין
אײַערע צוגעדעקטע הײַזער, בעת דאָס דאָזיקע הויז איז חרבֿ? 5 און
אַצונד האָט גאָט פֿון צבָֿ־אוֹת אַזוי געזאָגט:

נעמט אײַך צום האַרצן אײַערע וועגן:
6 איר זייט פֿיל, און ברענגט אַרײַן ווינציק,
איר עסט, אָבער ניט צו זאַט,
איר טרינקט, אָבער ניט גענוג זיך אָנצוטרינקען,
איר קליידט זיך, און קיינעם איז ניט וואַרעם,
און דער וואָס פֿאַרדינט,
פֿאַרדינט אין אַ לעכערדיקן בײַטל.
7 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָֿ־אוֹת:
נעמט אײַך צום האַרצן אײַערע וועגן.
8 גייט אַרויף אין דעם געבערג, און איר זאָלט ברענגען האָלץ,

און בויט דאָס הויז, און איך וועל עס באַווילִיקן,
און איך וועל געערלעכט ווערן, זאָגט גאָט.
9 איר ריכט זיך אויף פֿיל, ערשט עס ווערט ווינציק,
און אַז איר ברענגט עס אַהיים, בלאָז איך עס אַוועק.
איבער וואָס? זאָגט גאָט פֿון צבָ־אוֹת;
איבער מײַן הויז וואָס איז חרבֿ,
בעת איר לויפֿט איטלעכער אין זײַן הויז.
10 דרום האָבן די הימלען איבער אײַך פֿאַרמיטן דעם טוי,
און די ערד האָט פֿאַרמיטן איר געוועקס.
11 און איך האָב אויסגערופֿן אַ טריקעניש
אויפֿן לאַנד, און אויף די בערג,
און אויף דער תּבֿואה, און אויפֿן ווײַן, און אויפֿן אייל,
און אויף וואָס נאָר די ערד ברענגט אַרויס,
און אויפֿן מענטשן, און אויף דער בהמה,
און אויף יעטוועדער מי פֿון די הענט.

12 האָט זרובבֿל דער זון פֿון שְאַלתּיאֵלן, און יהוֹשוּעַ דער זון פֿון
יהוֹצָדָקן, דער כֹּהן-גָדול, און דער גאַנצער איבערבלײַב פֿון דעם
פֿאָלק, צוגעהערט צו דעם קָול פֿון יהוה זייער גאָט, און צו די
ווערטער פֿון חַגַי דעם נבֿיא, אַזוי ווי יהוה זייער גאָט האָט אים
געשיקט; און דאָס פֿאָלק האָט מוֹרא געהאַט פֿאַר יהוה. 13 און חַגַי
דער שליח פֿון גאָט האָט געזאָגט אין דער שליחות פֿון גאָט צום
פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן: איך בין מיט אײַך, זאָגט גאָט.

14 און גאָט האָט דערוועקט דעם גײַסט פֿון זרובבֿל דעם זון פֿון
שְאַלתּיאֵלן, דעם פֿירשט פֿון יהודה, און דעם גײַסט פֿון יהוֹשוּעַ דעם
זון פֿון יהוֹצָדָקן, דעם כֹּהן-גָדול, און דעם גײַסט פֿון גאַנצן
איבערבלײַב פֿון דעם פֿאָלק, און זיי זײַנען געקומען, און האָבן געטאָן
אַרבעט אויף דעם הויז פֿון יהוה פֿון צבָ־אוֹת זייער גאָט, 15 אין פֿיר
און צוואַנציקסטן טאָג פֿון חוֹדש, אין זעקסטן חוֹדש, אין צווייטן יאָר
פֿון מלך דָריָוֶש.

ב 1 אין זיבעטן חודש, אין איין און צוואַנציקסטן טאָג פֿון חודש,
איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען דורך חַגַי דעם נבֿיא, אַזוי צו
זאָגן: 2 זאָג נאָר צו זרובבֿל דעם זון פֿון שְאַלתִּיאֵלן, דעם פֿירשט פֿון
יהודה, און צו יהוֹשוּעַ דעם זון פֿון יהוֹצָדָקן, דעם כֹּהן-גָדול, און צום
איבערבלייַב פֿון פֿאָלק, אַזוי צו זאָגן:

3 ווער צווישן אײַך איז געבליבן,
וואָס האָט געזען דאָס דאָזיקע הויז אין זײַן ערשטן פּראַכט?
און ווי קוקט איר עס אָן אַצונד?
איז עס ניט ווי גאָרנישט אין אײַערע אויגן?
4 אָבער זײַ שטאַרק אַצונד, זרובבֿל, זאָגט גאָט,
און זײַ שטאַרק, יהוֹשוּעַ זון פֿון יהוֹצָדָקן, דו כֹּהן-גָדול,
און זײַט שטאַרק, דאָס גאַנצע פֿאָלק פֿון לאַנד, זאָגט גאָט,
און טוט, וואָרום איך בין מיט אײַך, זאָגט גאָט פֿון צבָֿא־אוֹת,
5 לויט דעם וואָרט וואָס איך האָב געשלאָסן מיט אײַך
בײַ אײַער אַרויסגיין פֿון מִצרַיִם;
און מײַן גײַסט, שטייט צווישן אײַך;
איר זאָלט ניט מורא האָבן.
6 וואָרום אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָֿא־אוֹת:
נאָך איין קליין ווײַלע,
און איך שטורעם-אויף די הימלען און די ערד,
און דעם ים און די יבשה.
7 און איך וועל אויפֿשטורעמען אַלע פֿעלקער,
און אָנקומען אַהער וועלן די גלוסטיקסטע זאַכן פֿון אַלע פֿעלקער,
און איך וועל אָנפֿילן דאָס דאָזיקע הויז מיט פּראַכט,
זאָגט גאָט פֿון צבָֿא־אוֹת.
8 מײַן איז דאָס זילבער, און מײַן איז דאָס גאָלד,
זאָגט גאָט פֿון צבָֿא־אוֹת.
9 גרעסער וועט זײַן די פּראַכט פֿון דעם דאָזיקן לעצטן הויז
ווי פֿון דעם ערשטן, זאָגט גאָט פֿון צבָֿא־אוֹת;
און אין דעם דאָזיקן אָרט וועל איך געבן שלום,
זאָגט גאָט פֿון צבָֿא־אוֹת.

10 אין פֿיר און צוואַנציקסטן טאָג אין נײַנטן חודש, אין צווייטן יאָר
פֿון דָרְיָוֶשן, איז דאָס וואָרט פֿון גאָט געווען דורך חַגַי דעם נבֿיא, אַזוי
צו זאָגן: 11 אַזוי האָט געזאָגט גאָט פֿון צבָֿא־אוֹת: פֿרעג אַקאָרשט די

כֹּהנים אַ דין, אַזוי צו זאָגן: 12 אַז אַ מאַן וועט טראָגן הייליק פֿלייש
אין ברעג פֿון זײַן קלייד, און וועט זיך אָנרירן מיט זײַן ברעג אָן
ברויט, אָדער אָן געקעכטס, אָדער אָן ווײַן, אָדער אָן אייל, אָדער אָן
וואָסער עס איז עסנוואַרג, וועט עס הייליק ווערן? האָבן געענטפֿערט
די כֹּהנים און האָבן געזאָגט: ניין! 13 האָט חַגַי געזאָגט: אויב איינער
וואָס איז אומריין פֿון אַ טויטן, וועט זיך אָנרירן אָן אַל דעם דאָזיקן,
וועט עס ווערן אומריין? האָבן געענטפֿערט די כֹּהנים און האָבן
געזאָגט: עס וועט ווערן אומריין. 14 האָט חַגַי זיך אָפּגערופֿן און האָט
געזאָגט:

אַזוי איז דער דאָזיקער עולם,
און אַזוי איז דאָס דאָזיקע פֿאָלק פֿאַר מיר,
זאָגט גאָט,
און אַזוי איז יעטוועדער טוּונג פֿון זייערע הענט;
און וואָס זיי זײַנען דאָרטן מקריבֿ, איז אומריין.
15 און אַצונד לייגט צו, איך בעט אײַך,
אײַער האַרץ פֿון הײַנטיקן טאָג אָן און ווײַטער.
איידער מע האָט געלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין
אין דעם טעמפּל פֿון גאָט,
16 אַז מע פֿלעגט קומען צו אַ הויפֿן פֿון צוואַנציק מאָס,
פֿלעגט זײַן צען;
מע איז געקומען צום קעלטער אָנשעפּן פֿופֿציק פּוּרָה,
און עס פֿלעגט זײַן צוואַנציק.
17 איך האָב אײַך געשלאָגן מיט קאָרנבראַנד
און מיט װעלקעניש און מיט האָגל
אין אַלדער אַרבעט פֿון אײַערע הענט,
אָבער איר האָט זיך ניט געקערט צו מיר, זאָגט גאָט.
18 לייגט צו, איך בעט אײַך, אײַער האַרץ
פֿון הײַנטיקן טאָג אָן און ווײַטער;
פֿון פֿיר און צוואַנציקסטן טאָג אין נײַנטן חודש,
פֿון דעם טאָג אָן וואָס דער טעמפּל פֿון גאָט איז געגרונטפֿעסט
געוואָרן,
לייגט צו אײַער האַרץ.
19 איז דען נאָך דאָ זאָמען אין שפּײַכלער?
און צו מאָל דער ווײַנשטאָק, און דער פֿײַגנבוים,

און דער מילגרוימבוים, און דער אײלבערטבוים, האָט ניט געטראָגן;
פֿון הײַנטיקן טאָג אָן װעל איך בענטשן.

20 און דאָס װאָרט פֿון גאָט איז געװען אַ צװײט מאָל צו חגַין, אין
פֿיר און צװאַנציקסטן טאָג פֿון חודש, אַזױ צו זאָגן: זאָג צו זרובבֿל
דעם פֿירשט פֿון יהודה, אַזױ צו זאָגן:

איך שטורעם-אױף די הימלען און די ערד.
און איך װעל איבערקערן דעם טראָן פֿון מלוכות,
און װעל פֿאַרטיליקן די שטאַרקײט פֿון די מלוכות פֿון די פֿעלקער,
22 און װעל איבערקערן דעם רײַטװאָגן מיט זײַנע רײַטער,
און נידערן װעלן פֿערד מיט זײערע רײַטער,
אײנער דורכן אַנדערנס שװערד.
23 אין יענעם טאָג, זאָגט גאָט פֿון צבֿ־אות,
װעל איך דיך נעמען,
זרובבֿל זון פֿון שְׁאַלתּיאֵלן, מײַן קנעכט, זאָגט גאָט,
און איך װעל דיך מאַכן װי אַ זיגלרינג,
װאָרום דיך האָב איך אױסדערװײלט, זאָגט גאָט פֿון צבֿ־אות.

© 2005 Dworkins and Leonard Prager. All Rights Reserved.